אין אידיש
גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
פרשת נצבים וילך תשפ"ד / גליון קצ"ד

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (שלח)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וזהו סתור שסתר מעשיו |
| שני | ויהס כלב את העם |
| שלישי | ונודע שהשבירה היה |
| רביעי | שעל כן אמרו וכל העם |
| חמישי | ועל כן אמרו ארץ עד סוף הפרשה |

צו באקומען אינדערהיים דעם חודש'ליכן קונטרס ערשטע חודש האלב פרייז, רופט 848-243-1624

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין ענגלאנד
033.0551.7811
אין ארץ ישראל
03.5.100.200
שטארקע פייערדיגע שמועסן!
הכנה צו ראש השנה
מפי חשובי המשפיעים שליט"א
אין 'קול דודי' היכל המרכזי נומער 1

## חסידי'ש געערדט
### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# די 'ממליכים'

## קיינער איז נישט פארנומען מיר צו מאכן פאר 'קעניג' אויף דער וועלט, נאר בלויז דער איד, נו אויב אזוי, מוז איך אים האבן דא, כדי איך זאל זיין מלך!

דער 'סניגורן של ישראל', דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע האט אמאל געזאגט אזא משל:

"מָשָׁל וּמְלִיצָה לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁנָּסַע לְיַעַר גָּדוֹל לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ וּלְקַבֵּל תַּעֲנוּג מִצֵּידוֹת חַיּוֹת וְעוֹפוֹת, עַד שֶׁבָּא לְעֹמֶק הַיַּעַר וְלֹא מָצָא אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר לָשׁוּב לְבֵיתוֹ, וְרָאָה בַּיַּעַר אַנְשֵׁי כְּפָרִים וּשְׁאָלוּם עַל הַדֶּרֶךְ וְלֹא הִכִּירוּ אֶת הַמֶּלֶךְ וְלֹא יָדְעוּ מַה לְהָשִׁיב לוֹ, כִּי מֵעוֹלָם לֹא יָדְעוּ אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר.

"עַד שֶׁמָּצָא אִישׁ חָכָם וְנָבוֹן וּשְׁאָלוֹ עַל הַדֶּרֶךְ, אָז הֶחָכָם הֵבִין שֶׁהַמֶּלֶךְ הוּא, נִזְדַּעְזֵעַ לַאֲחוֹרָיו וְשָׁמַע תֵּכֶף לִרְצוֹנוֹ וַיַּרְאֵהוּ אֶת הַדֶּרֶךְ. כִּי מֵרֹב חָכְמָתוֹ יָדַע אֶת דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ הַנָּכוֹן וְהַיָּשָׁר, וַיּוֹלֵךְ אֶת הַמֶּלֶךְ לְבֵית הַמְּלוּכָה וַיֵּשֶׁב אוֹתוֹ עַל כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ. וַיִּמְצָא הָאִישׁ הַהוּא חֵן בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ מְאֹד וַיְנַשְּׂאֵהוּ מִכָּל שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, וַיַּלְבֵּשׁ אֶת הָאִישׁ הַהוּא בְּגָדִים יְקָרִים, וְאֶת בְּגָדָיו צִוָּה לְהַכְנִיס לְבֵית גְּנָזָיו.

"וַיְהִי אַחֲרֵי יָמִים רַבִּים, חָטָא אוֹתוֹ אִישׁ לְהַמֶּלֶךְ, וְיִקְצֹף עָלָיו הַמֶּלֶךְ וַיְצַו לְשָׂרָיו הַיּוֹשְׁבִים רִאשׁוֹנָה בַּמַּלְכוּת לִשְׁפֹּט אוֹתוֹ הָאִישׁ, כְּדִין הָעוֹבֵר עַל מִצְוַת הַמֶּלֶךְ. וַיֵּצֶר לְהָאִישׁ מְאֹד, כִּי יָדַע כִּי מִשְׁפָּטוֹ יִהְיֶה חָרוּץ לְרַע לוֹ עַל דְּבַר אֲשֶׁר חָטָא נֶגֶד הַמֶּלֶךְ. וַיִּפֹּל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַיְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ, וַיִּתְחַנֵּן לוֹ שֶׁקֹּדֶם שֶׁיֵּצֵא דְּבַר הַמִּשְׁפָּט יְמַלֵּא שְׁאֵלָתוֹ בְּדָבָר אֶחָד: לְהַלְבִּישׁ אוֹתוֹ בְּגָדָיו הָרִאשׁוֹנִים שֶׁלּוֹ בְּשָׁעָה שֶׁהוֹלִיךְ אֶת הַמֶּלֶךְ מֵהַיַּעַר. וַיִּשָּׂא לוֹ הַמֶּלֶךְ לַדָּבָר הַהוּא.

"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִלְבִּישׁ אוֹתוֹ הָאִישׁ אֶת הַבְּגָדִים הַנַּ"ל, זָכַר הַמֶּלֶךְ אֶת גֹּדֶל הַחֶסֶד אֲשֶׁר עָשָׂה עִמּוֹ אוֹתוֹ הָאִישׁ, אֲשֶׁר הֶחֱזִיר אוֹתוֹ לְבֵית הַמְּלוּכָה וַיּוֹשִׁיבֵהוּ עַל כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ, וַיִּכָּמְרוּ רַחֲמָיו וַיִּמְצָא חֵן חֶסֶד לְפָנָיו, וְהֶעֱבִיר אֶת חַטָּאתוֹ מִלְּפָנָיו וֶהֱשִׁיבוֹ עַל כַּנּוֹ".

אין דער רגע וואס דער מלך האט זיך דערמאנט, אז דער קלוגער מענטש ער איז גאר דער וועלכער האט אים געמאכט פאר א 'מלך', און ווען נישט אים וואלט ער נישט היינט דא געזעסן אויף דעם שטול - האט ער אים ריינגעוואשן פון אלע זיינע זינד.

## ווער זעצט מיר אויפן שטול?

**דער נמשל:** ראש השנה איז טאקע נישט קיין פשוט'ער טאג, עס כאפט טאקע א ציטער פון אזא 'יום הדין הגדול והנורא', מיר אלע גייען דורך פארן מלך מלכי המלכים הקב"ה און מען לייגט אויפן וואגשאל אלע אונזערע מעשים פון א גאנץ יאר! פרעגט א מענטש: "וואס טוט מען דא?! איך ווייס דאך גאנץ גוט וויאזוי מיין יאר האט אויסגעזען, וויפיל 'מרידה במלכות' איך האב געטון, נו, וויאזוי קען איך ארויסגיין 'זכאי בדין'?!".

קומט דער 'קדושת לוי' און לערנט אונז אויס א דבר חכמה: וואס האט יענער קלוגער מענטש געטון אין דיין פלאץ?! ער איז בכלל נישט געווען פארנומען צי ער וועט געראטעוועט ווערן פונעם פארכטיגן פסק דין אדער נישט, ער איז פשוט צוגעגאנגען צום מלך און גערעדט וועגן עפעס אנדערש! ער האט דערמאנט פארן מלך, אז ער איז דער וועלכער איז פארנומען אים צו מאכן פאר 'קעניג', ער איז דער וועלכער ארבעט אים צוריקצוברענגען צום קעניגליכן פאלאץ און אים ארויפזעצן אויף זיין קעניגליכן שטול!

און ווען א איד רעדט אזא שפראך - ווערט די גרעסטע 'המתקה' וואס איז נאר שייך. דער אויבערשטער כביכול זאגט: "איך דארף אים האבן פאר מיין מלוכה! ער פעלט מיר אויס אויף דער וועלט! מיין גאנצע רצון פון 'דירה בתחתונים' - טוה איך בלויז דורך דעם מענטש! נישטא קיין איין גוי וואס שטייט היינט און איז מיר 'ממליך', קיינער איז נישט פארנומען מיר צו מאכן פאר 'קעניג' אויף דער וועלט, נאר בלויז דער איד, נו אויב אזוי, מוז איך אים האבן דא, כדי איך זאל זיין מלך!". (זעלבסט פארשטענדליך, אז דאס איז אלעס בלויז 'כביכול'. דאס הייסט, דער אויבערשטער איז 'שלם' און עס פעלט אים גארנישט. אבער ער האט זיך אליינס געמאכט א 'נצרך', כדי אויסצופירן זיין רצון פון 'דירה בתחתונים').

## דער שאלונג פונעם שופר

מיט דעם איז דער 'קדושת לוי' מסביר דעם ענין פון שופר, וואס דאס דערמאנט דעם שופר פון מתן תורה. "הִנֵּה כְּכָל הַמָּשָׁל הַנַּ"ל כְּמוֹ כֵן אֲנַחְנוּ עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל, בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אֲשֶׁר הֶחֱזִיר הקב"ה עַל כָּל אֻמָּה וְלָשׁוֹן שֶׁיְּקַבְּלוּ אֶת הַתּוֹרָה, וְלֹא רָצוּ, וַאֲנַחְנוּ עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל קִבַּלְנוּ אֶת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה וְתַעֲנוּג גָּדוֹל, עַד אֲשֶׁר קִדַּמְנוּ נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמַע, וְקִבַּלְנוּ עָלֵינוּ עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם וְהִמְלַכְנוּ אוֹתוֹ לְמֶלֶךְ עָלֵינוּ, וְקִבַּלְנוּ מִצְוֹתָיו וְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה.

"וְעַתָּה פָּשַׁעְנוּ וּמָרַדְנוּ נֶגְדּוֹ. וּבְרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְרֵאִים אֲנַחְנוּ מִיּוֹם הַדִּין אֲשֶׁר בָּא בְּמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם, וּלְכָל אִישׁ וְאִישׁ נִקְצַב מִשְׁפָּטוֹ כְּפִי מַעֲשָׂיו. לָכֵן אֲנַחְנוּ תּוֹקְעִין בְּשׁוֹפָר, וּמַלְבִּישִׁין אֲנַחְנוּ אוֹתָנוּ בְּאוֹתוֹ הַלְּבוּשׁ שֶׁהָיָה בְּמַתַּן תּוֹרָה, שֶׁקִּבַּלְנוּ אֶת הַתּוֹרָה וְהִמְלַכְנוּ אוֹתוֹ בְּשׁוֹפָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד' כו', וְהוּא כְּדֵי שֶׁיִּזָּכֵר לָנוּ מִזֶּה הַזְּכוּת וְיִמְחֹל לָנוּ עַל כָּל עֲוֹנֹתֵינוּ וּפְשָׁעֵינוּ וְיִפְטְרֵנוּ מִן הַדִּין וְיִכְתְּבֵנוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים אֲרֻכִּים וְטוֹבִים אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן". מיטן שופר דערמאנען מיר פארן מלך, אז מיר האבן געשאלט פאר אים ביי מתן תורה! מיר האבן אוועקגעשטעלט זיין מלוכה אויף דער וועלט! וואס דעריבער, מוז ער אונז האבן פאר זיין מלוכה.

## ער וויל די 'ממליכים'

**אט דאס איז בעצם די גאנצע נקודה פונעם 'דין' פון ראש השנה - אונטער די קוליסן:** אודאי טוט זיך אפ א 'יום הדין' אויף 'בני חיי ומזוני', אבער דאס איז בלויז די תוצאה פונעם דין. דער ריכטיגער דין וואס מען איז דן איז: וויפיל וועט דער איד זוכה זיין צו בויען און מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס מלוכה דעם קומענדיגן יאר! און אלס חלק דערפון רעכנט מען אויך אויס: וויפיל גשמיות'דיגע כוחות און מעגליכקייטן וועט מען אים געבן דערצו, אז ער זאל קענען בויען די מלוכה! וויאזוי וועט צוגיין זיין 'המלכה' דאס יאר - 'מתוך נסיון העוני' אדער 'מתוך נסיון העושר'. דאס אלעס ווערט גע'משפט ראש השנה.

א מענטש וואלט געקענט זיין אנגעצויגן איבער זיין פריוואטן משפט, וויפיל גשמיות'דיגע הרחבה ווארט אים אפ דעם קומענדיגן יאר. אבער דאס איז נישט וואס אידן טוען. אידן

> **אט די המלכה איז די בעסטע עצה דערצו! דורכדעם וועסטו זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר! ווייל דורכדעם וועקסטו אויף ביים אויבערשטן זיין רצון אין דיר!**

קומען אריין אין שול און זיי שרייען: "מלוך על כל העולם כולו בכבודך והנשא על כל הארץ ביקרך", "זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים **למענך** אלקים חיים". זיי זענען אנגעצויגן פונעם משפט וואס עס טוט זיך אויף דער 'מלוכה'! מיר ווילן ממליך זיין דעם אויבערשטן! מיר שרייען און בעטן זיך: "מתי תמלוך" - ווען וועסטו שוין ווערן דער אפיציעלער קעניג פון דער גאנצער וועלט - אן קיין איין קעגנער און לייקענער אין דיין מלוכה!

וועט איינער טראכטן: "אלעס פיין און וואויל, אבער סוף כל סוף, בין איך דאך א מענטש! וואס וועט למעשה זיין מיט מיין פרנסה?!". אויף דעם בארואיגט אים דער קדושת לוי: נישט געזארגט! אט די המלכה איז די בעסטע עצה דערצו! דורכדעם וועסטו זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר! ווייל דורכדעם וועקסטו אויף ביים אויבערשטן זיין רצון אין דיר! דו וועקסט אויף זיין טיפע און נצחיות'דיגע קשר וואס ער האט מיט אונז! ער זעט נאכאמאל, אז בלויז מיר זענען די איינציגסטע וועלכע זארגן זיך פאר זיין מלוכה! ער זעט ווי די אלע פעלקער ווייסן ניטאמאל וויאזוי צו העלפן פארן מלך אנצוקומען צוריק צום פאלאץ! און אט דאס ווייזט קלאר, אז בלויז מיר זענען זיינע קינדער, און די אנדערע זענען ווי בהמות וואס לעבן אין עולם הפירוד. און מיט דעם ווערט פארשטאפט דאס מויל פון אלע מקטרגים, און דער אויבערשטער שרייבט אונז אן לאלתר לחיים טובים ארוכים ולשלום.

הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון
נדבת ידידנו הנכבד
הרה"ח ר' **יונה צבי הערצאג** שליט"א
לעילוי נשמת אמו מרת **גיטל** בת"ר **פינחס** ע"ה
נלב"ע כ"ב אלול תשפ"ד

נתנדב לטובת נשמת
הרה"ק ר' **יחיאל מיכל** ב"ר **יצחק** זי"ע **המגיד מזלאטשוב**
הרה"ק ר' **שלום** ב"ר **אלעזר** זי"ע **השר שלום' מבעלזא**
לרגל ההילולא קדישא
לזכות הרב **ישראל בן אסתר הדסה** הי"ו
לזיווג הגון בקרוב ובניקל

# גשמיות מיט א ציל

## וואס איז די ריכטיגע וועג וויאזוי מ'דארף מתפלל זיין אויף 'גשמיות' ראש השנה? • און וויאזוי ברענגט דאס צו 'גילוי מלכות שמים'?

**משפיע:** נו, אברהם יצחק. וויאזוי גרייט מען זיך צו ראש השנה?

**אברהם יצחק:** געלויבט השי"ת. פאר מ'הייבט אן מוז איך אנמערקן, אז די פארגאנגענע שמועס איבער דעם ענין אז ראש השנה איז "די תפילה פון א גאנץ יאר", איז מיר געווען זייער קלאר. ס'האט מיר באמת געגעבן א שטופ אריינצולייגן מער כוחות אין די תפילות, סיי פון די וואכן און ספעציעל ביי די תפילות פון ראש השנה.

**משפיע:** ברוך ה', עס דערפריידט מיר דאס צו הערן.

**אברהם יצחק:** אבער למעשה שפיר איך אז מיר דארפן נאך אביסל רעדן אויף ראש השנה. דער יום טוב שטייט שוין ממש ביים שוועל, און איך שפיר אז ס'פעלט מיר נאך קלארקייט אין אפאר נקודות פון ראש השנה.

**משפיע:** אדרבא, לאמיר הערן; וועלכע נקודה איז דיר נישט קלאר?

## שפירט א סתירה

**אברהם יצחק:** מיין שאלה איז בנוגע דאס וואס ס'שטייט אז אום ראש השנה איז מען דן א מענטש פאר די גאנצע קומענדיגע יאר, אזוי אז אלעס וואס מ'וויל אויס'פועל'ן ביים אויבערשטן ווענדט זיך לויט וואס מ'פועל'ט במשך ראש השנה. למשל, מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן אז מ'זאל זיין געזונט א גאנץ יאר, מזאל האבן גוטע חברותות מיט וועמען צו לערנען, און אזוי ווייטער. דערצו דארף מען מתפלל זיין אז ס'זאל זיין א שפע פון פרנסה פאר אידן, ווייל דאס אלעס ווערט פארשריבן אום ראש השנה, און דעריבער קומט אויס אז מ'דארף דעמאלטס זייער שטארק מתפלל זיין דערוועגן.

> **דאס איז די נקודה פון אונזער עבודה ראש השנה: עס 'כאפן'. אז די גאנצע גשמיות העולם איז נאר א כלי און א מיטל וויאזוי כבוד שמים קען ווערן נתגלה**

**משפיע:** נו, וואס איז דער פראבלעם דערמיט?

**אברהם יצחק:** דער פראבלעם איז, אז ווען כ'האב געוואלט אויסשטעלן ווען צו מתפלל זיין אויף די אלע זאכן, האב איך איינגעזען אז למעשה איז נישטא קיין סאך פלעצער ווי מ'קען בעטן דערויף. פאקטיש ווערן די אלע ענינים כמעט נישט דערמאנט דורכאויס דער גאנצער נוסח התפילה פון ראש השנה...

און דער עיקר פראבלעם איז, אז דערצו שפיר איך אז בעטן אויף די זאכן איז א שטיקל סתירה צו די גאנצע צורה וויאזוי מיר דאווענען. למעשה רעדן רוב תפילות בעיקר אויף די ענין פון 'גילוי כבודו יתברך', און אזוי ווייטער, אזוי אז ווען איך שטעל זיך דאווענען אויף מיינע אייגענע הצלחות און געברויכן, מאך איך אייגנטליך אן עסק פון מיינע אייגענע באדערפענישן אנשטאט מאכן אן עסק פון די עיקר נקודה פון ראש השנה! איך שפיר אז די צוויי שטימען נישט אינגאנצן.

**משפיע:** איך פארשטיי. פרעגסט זייער א גוטע שאלה.

**אברהם יצחק:** למשל, איך פלאן מיטן אויבערשטנ'ס הילף אויסצוזאגן גאנץ ספר תהלים במשך ראש השנה, איך ווייס אז ס'איז אן עת רצון און אז דעמאלטס איז א זמן מסוגל אויסצובעטן אלעס וואס מ'דארף. ס'שטייט דאך אז אלעס ווערט אפגעשריבן אין ראש השנה! מיין שאלה איז נאר, וואס דארף איך אינזין האבן בשעת'ן זאגן תהלים? וואס פונקטליך דארף איך וועלן אויס'פועל'ן? פון איין זייט, וויל איך אויסבעטן הצלחה און סייעתא דשמיא פארן גאנצן יאר, געזונט און א גוט לעבן פאר מיר און פאר מיין גאנצע משפחה.

אבער פון די אנדערע זייט שפיר איך אז ס'פאסט פשוט נישט צו זיין אזוי פארנומען מיט מיינע אייגענע געברויכן, איבערהויפט ווען איך ווייס אז דער עיקר תכלית פון ראש השנה איז אויסצופועל'ן אז מלכות שמים זאל נתגלה ווערן אויף די וועלט, וואס לכאורה, וואלט געפאסט אז מ'זאל זיין פארנומען נאר מיט דעם און טראכטן נאר פון דעם.

אייגנטליך איז דאס מיין שאלה: מיט וואס דארף איך זיין פארנומען במשך ראש השנה? מיט מיינע גשמיות'דיגע צרכים, אדער זאל איך נאר דאווענען און טראכטן פון כבוד השכינה?

## טאקע פון דעם רעדט מען...

**משפיע:** דיין שאלה איז זייער קלאר. די קורצע תירוץ דערויף איז, אז די גאנצע גשמיות וואס איז דא אויף די וועלט און אלע געברויכן וואס מיר האבן - זענען אין אמת'ן נאר 'כלים' און א 'צורה' וויאזוי כבוד שמים קען ווערן ארויסגעברענגט! ס'האט נישט קיין אייגענע משמעות פאר זיך, אויסער דאס אז זיי זענען א מיטל וויאזוי כבודו יתברך קען ווערן נתגלה. פארקערט, ממש דאס איז די נקודה פון אונזער עבודה במשך ראש השנה: עס 'כאפן'. אריינעמען אין קאפ די סארט בליק, אז די גאנצע גשמיות העולם איז נאר א כלי און א מיטל וויאזוי כבוד שמים קען ווערן נתגלה, און אט די בליק איז למעשה די אמת'ע גילוי מלכותו יתברך אויף די וועלט!

**אברהם יצחק:** איך מוז זאגן אז כ'האב פשוט גארנישט פארשטאנען... דער משפיע האט געזאגט אסאך מיני ווערטער, אבער איך פארשטיי זיי פשוט נישט. אפשר קען מען עס מער מסביר זיין?

**משפיע:** כ'האב פארשטייט זיך נישט ערווארטעט אז זאלסט כאפן דעם גאנצן ענין, נאר פון די פאר ווערטער. פשוט פאר אלעס האב איך געוואלט שטעלן דעם יסוד און מאכן א שטיקל 'תמצית' דערפון. יעצט, מיטן אויבערשטנ'ס הילף, וועט מען עס פרובירן צו מער מסביר זיין און אויסקלערן ווי ווייט מעגליך. צוערשט, לאמיר דיר פרעגן א פשוט'ע פראגע: וויאזוי טייטשסטו אפ דעם מושג פון 'גילוי מלכותו יתברך'? וואס מיינען די ווערטער ביי דיר?

**אברהם יצחק:** זייער פשוט; ס'מיינט אז עס ווערט קלאר פאר די גאנצע וועלט אז דער אויבערשטער איז דער מלך העולם. ווען יעדער איינער ווייסט דערפון, ווערט נתגלה מלכות שמים אויף די וועלט. דאס איז פשוט פשט, לכאורה.

**משפיע:** הייסט אזוי. טענה'סט אז 'גילוי מלכות שמים' מיינט ווען אלע מענטשן פון די וועלט, אפילו להבדיל די גויים, ווייסן אז 'יש מנהיג לבירה', ס'איז דא א בעל הבית אויף די וועלט. אבער באמת האב איך געמיינט צו פרעגן, וויאזוי ווערט די מושג אויסגעטייטשט ביי דיר? וואס מיינט אז "מלכות שמים ווערט נתגלה" ביי דיר? וויאזוי איז כבוד מלכות שמים נוגע דיין פריוואטע לעבן?

**אברהם יצחק:** אה... דאס איז אביסל שווער צו מסביר זיין, ווייל איך האלט נאכנישט באמת ביי אזא מדריגה. אבער לויט וויפיל איך פארשטיי וואס ס'וואלט געדארפט זיין - דארף יעדער מחשבה דיבור ומעשה מיינע, זיין בטל פאר כבוד שמים, אלעס דארף זיין לשם שמים, מיינע אלע מחשבות דארפן נאר זיין ארייינגעטון אינעם אויבערשטן און נאר מיט וויאזוי איך קען טון זיין רצון און אים מאכן א נחת רוח.

אין אמת'ן אריין, טאקע דערפאר שפיר איך אזוי שטארק אז מיינע פערזענליכע בקשות זענען א סתירה מיט די גאנצע ענין פון מלכות שמים, ווייל איך פארשטיי אז אמת'ע פשט פון 'מלכות שמים' מיינט, זיין אין א מצב ווי די איינציגסטע זאך וואס אינטערעסירט מיר איז נאר טראכטן פון אויבערשטן און אים ברענגען א נחת רוח. און אויב פלוצלונג שפיר איך אז עס זענען דא אנדערע זאכן וואס איך וויל, און כ'בין נאר פארנומען מיט אלע סארט אייגענע דאגות און באדערפענישן, מיינט עס אז ס'איז פרעכע סתירה מיט די גאנצע מלכות שמים.

## אלס טפל, נישט אלס עיקר

**משפיע:** דאסמאל האסט אזוי קלאר ארויסגעברענגט דיין שאלה. די וועג וויאזוי דו טייטשסט 'מלכות שמים', איז אז מ'דארף נאר טראכטן פון רוחניות און עבודת ה', און צוליב דעם זעסטו יעדע גשמיות'דיגע באדערפעניש אדער רצון וואס א מענטש האט, אלס א סתירה דערצו.

אבער כ'וויל דיר אנטפלעקן דעם אמת, אז נישט נאר אז ס'איז נישט קיין סתירה, נאר דאס אליינס איז 'מלכות שמים'! ווייל די גאנצע מושג פון 'מלכות שמים' באדייט אז גילוי כבודו יתברך ווערט אנטפלעקט אין יעדע חלק פון די בריאה, אריינגערעכנט אין די גשמיות'דיגע חלקים דערפון. און גילוי מלכותו יתברך מיינט, ווען א איד דערהערט עס, אז דער אויבערשטער געפונט זיך איבעראל, אויך אין יעדע דבר גשמי!

דאס מיינט אזוי: ער פארשטייט אז דער אויבערשטער געפונט זיך אין אלעס וואס ער טוט, דער אויבערשטער איז מחיה יעדע איינציגע זאך, דער אויבערשטער איז דער וואס האט אויסגעשטעלט אז מיר זאלן דארפן עסן, ער איז דער וואס לייגט אריין א כח אין די עסן, און ער איז דער וואס פירט צו יעדע פעולה וואס א מענטש טוט - ממש דאס, איז מלכות שמים! אויסצושליסן די אומריכטיגע בליק, ווי גלייך ס'עקזיסטירט נאך זאכן אויף די וועלט אדער אז ס'איז דא אנדערע באדערפענישן און אנדערע כוחות אין די וועלט וואס האבן אן אייגענע מציאות פאר זיך, אויסער מציאות ה'.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, מיינט 'מלכות שמים' אז איך שפיר ווי דער אויבערשטער געפונט זיך אין אלע מיינע אנגעלעגנהייטן, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. אויב אזוי, קומט אויס אז כ'האב שוין אן ענטפער אויף מיין שאלה - אז איך מעג זיין פארנומען און ארייינלייגן כוחות אויסצו'פועל'ן מיינע אייגענע באדערפענישן - ווייל באמת איז דאס אלס פאר כבוד שמים! די מינוט א מענטש דערהערט אז אלעס איז דער אויבערשטער און אז דער אויבערשטער געפונט זיך אין יעדע זאך, קומט אויס אז ווען איך בעט אים פאר גוטע חברותות און פאר אלע מיינע געברויכן, בעט איך למעשה אז זיין מלוכה זאל נתגלה ווערן!

**משפיע:** בכלל נישט. אייגנטליך, האסטו נישט נאר געמאכט א טעות, נאר האסט פשוט איבערגעדרייט די גאנצע זאך מיטן קאפ אויף אראפ... ווען מיר רעדן אז דער אויבערשטער געפונט זיך אין יעדע זאך, מיינט דאס אז אלע גשמיות וואס איז דא אין די וועלט איז בלויז א טפל צום גילוי פון כבודו יתברך, ס'איז גארנישט מער ווי א 'מיטל' וואס קומט צוניץ צו מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס כבוד. דאקעגן ווען א מענטש'ס גאנצע קאפ ליגט וויאזוי זיינע אייגענע גשמיות'דיגע געברויכן קענען ווערן מסודר, און זיין איינציגסטע ווילן איז נאר אויסצובעטן ביים אויבערשטן אז ס'זאל אים גיין

גוט אויף די וועלט, טוט ער דאך פונקט דאס פארקערטע!

ווייל וואס געשעט דעמאלטס איז, אז די גשמיות'דיגע זאכן ווערן די עיקר! זיי ווערן א 'מציאות פאר זיך', פשוט דער מענטש פארשטייט אז ער וועט קענען מצליח זיין מיט זיינע אלע זאכן נאר אויב ער וועט אריינלייגן דעם אויבערשטן דערין, אזוי ארום קומט אויס אז ער נוצט גילוי מציאות יתברך אלס א טפל וואס באדינט זיין אייגענע גשמיות - וואס דאס איז ממש די פארקערטע פון המלכת השי"ת! ממליך זיין דעם אויבערשטן מיינט אז א מענטש דערהערט אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער אמת'ע מציאות! און אז אלעס אין די בריאה, אריינגערעכנט די גשמיות'דיגע חלקים, געפינען זיך דא נאר אלס 'מיטלען' פאר דער התגלות!

**אברהם יצחק:** כ'האב אנגעהויבן צו אביסל פארשטיין. אבער כ'מוז מודה זיין אז די נקודה זעט מיר אויס אביסל טיף. די גאנצע געדאנק אז "גשמיות'דיגע חלקים פון די בריאה זענען כלים פאר גילוי כבודו יתברך" - איז מיר נישט אינגאנצן קלאר. איך האף כ'זאל עס בעסער פארשטיין מיט די צייט, אבער דערווייל איז מיין שאלה, מעג איך מתפלל זיין און פרובירן אויסצו'פועל'ן די פארשידענע צרכים גשמיים וואס איך דארף?

**משפיע:** יא, דער תירוץ אויף דיין קשיא איז זייער פשוט. מען מעג און מ'דארף מתפלל זיין אויף די אייגענע צרכים, אבער נאר אויף א פארנעם פון א טפל און אן אמצעי פאר די אמת'ע תכלית! מ'דארף בעטן דערויף אלס א טפל, און נישט אלס עיקר! און דאס אליינס איז די עבודה פון ראש השנה: כאפן און דערהערן אז גשמיות איז נאר א טפל און אז ס'באדינט די רוחניות'דיגע, נצחיות'דיגע עיקר פון כבודו יתברך.

**אברהם יצחק:** זייער קלאר. איז כ'האב שוין א קלארע ענטפער אויף למעשה. אבער יעצט וויל איך בעסער פארשטיין די עצם ענין: וויאזוי טוען אונזערע צרכים גשמיים צוברענגען די תכלית פון כבוד שמים? וויאזוי ווערט דעם אויבערשטנ'ס כבוד פארגרעסערט, ווען איך האב א גוטער חברותא אדער ווען איינער קויפט א נייע דירה?

**משפיע:** זייער פשוט. אלעס וואס א איד פארמאגט אויף די וועלט, העלפט אים צו קענען דינען דעם אויבערשטן און מגלה זיין מציאותו ית' דא אינעם עולם הגשמי. אבער דאס איז נאר מיט איין תנאי: אז דער מענטש פארשטייט און געדענקט אז גשמיות איז נאר א טפל און א וועג אנצוקומען צום תכלית. ווייל ווי נאר א איד האלט דאס באמת פאר די אויגן, דעמאלטס יעדע הצלחה וואס ער האט מאכט ער זאל בלויז וואס מער און שטערקער קענען דינען דעם אויבערשטן.

למשל, ווען א מענטש איז אינגאנצן געזונט, דעמאלטס קען ער דינען דעם אויבערשטן ווי ס'דארף צו זיין, אזוי אויך ווען ער האט א ברייטע דירה, און אוודאי ווען ער האט א גוטע פרנסה, שוין אפגערעדט ווען ס'קומט למשל צו א גוטע שידוך פאר א בחור, און ווייטער געזונטע, ערליכע דורות - איז פשוט אז די אלע זאכן זענען 'וועגן' וויאזוי א איד קען מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן און דערביי מקיים זיין די מצוות. און נאך מער פון דעם; דאס אליינס אז א איד האט אלעס גוטס איז שוין א תענוג פארן אויבערשטן, ווייל ער האט ליב צו זען ווי זיינע באליבטע קינדער האבן אלעס גוטס.

אבער דאס אלעס איז נאר ווילאנג דער מענטש געדענקט אז ס'איז נאר א טפל, ס'איז נאר מיטלען וואס דינען די אמת'ע מטרה פון ארויסברענגען כבוד ה' אויף די וועלט. אויף אזא וועג קומט גאר אויס פארקערט; אז כבוד שמים ווערט נתגלה אויף די וועלט דווקא דורך גשמיות'דיגע זאכן, ווייל דאס אז מיר באציען זיך צו די אלע זאכן אלס טפלים און וועגן - איז אמת'ע כבוד שמים, וויבאלד דאס ווייזט אז ס'איז נישטא קיין שום זאך אויף די וועלט אויסער כבודו יתברך', און אז אלעס וואס מ'טוט אויף די וועלט איז נאר א כלי פאר דעם צוועק.

**אברהם יצחק:** די נקודה איז ארויס זייער קלאר, ברוך ה'. מ'דארף טאקע דאווענען אויף אלע אונזערע צרכים, אבער מ'דארף אויך שווער ארבעטן צו געדענקן און אריינברענגען ביי זיך אז ס'איז א טפל און נישט קיין ציל פאר זיך.

**משפיע:** זייער גוט. און לאמיר צולייגן נאך אביסל עמקות דערצו. די מער פנימיות'דיגע פשט איז, אז די עבודה איז באמת דער ענין פון 'המתקת הדינים' מיט וואס מיר זענען שטארק פארנומען אין די יעצטיגע טעג.

ווייל ווי באקאנט, אצינד זענען ימי הדין, און אונזער עבודה איז צו ממתיק זיין דעם דין. פרעגסטו: וואס מיינט 'דין' און וואס מיינט 'המתקה'? עבודת השם'דיג גערעדט מיינט עס, אז 'דין' איז א צמצום און הסתרה אויף די פנימיות'דיגע חיות ה'. און דעריבער, ווילאנג מיר זעען גשמיות אלס א זאך פאר זיך, אלס א אייגענע מציאות, צייגט דאס אז די 'מדת הדין' איז שולט; ס'איז דא א התגברות פון 'הסתרה' און 'צמצום'.

אבער ווען מיר טוען די עבודה פון ראש השנה פון זיך אויסקלארן פאר זיך און מיר רופן אויס אז דער עיקר תכלית הבריאה איז צו מגלה זיין כבוד מלכותו יתברך, און אז אלעס אין די וועלט און אלע באדערפענישן זענען נאר טפלים און א כלי פאר דעם ציל - מיט דעם אליינס זענען מיר ממתיק דעם 'דין', ווייל מיר ברענגען צו אז די גשמיות'דיגע לבוש פון די בריאה זאל נאר דינען אלס א כלי פאר רוחניות, וואס דאס אליינס איז ממתיק און איז מתקן די לבוש. דורכדעם זענען מיר ממשיך רחמים וחסדים אויף אונז און אויף די גאנצע וועלט. דאס איז אביסל א טיפע נקודה, אבער כ'האב עס צוגעלייגט אזוי צו פארענדיגן דאס בילד.

**אברהם יצחק:** א גרויסן יישר כח. דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו דאווענען ווי ס'דארף צו זיין און צוגיין דערצו מיט די ריכטיגע כוונה.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**די וועלט פירט זיך פארקערט ווי ס'דארף צו זיין, אויף דאגת הפרנסה וואס געהערט נישט צו אונז זארגן זיי פארן אויבערשטן, און אויף יראת שמים וואס געהערט צו אונז זארגן זיי נישט**

הרה"ק ר' יחזקאל מקאזמיר זי"ע ('מאמר יחזקאל' אמונה כז)



# די ריכטיגע שטראף

"דער מצב איז מער נישט צום אויסהאלטן. איך רעד שוין נישט נאר פון די געשעפטן אייגנטימער, וואס שפירן זיך פונלאנג באדראעט פונעם צושטאנד. יעדן טאג הערט מען איבער נאך א געשעפט וואו שיכורים האבן זיך צעווילדעוועט, צעבראכן און צע'מזיק'קט וואס זיי האבן נאר באגעגנט. אצינד האלט מען שוין ביי א פונקט, ווי אפילו פשוט'ע דורכגייער האבן מורא ארויסצוגיין אין גאס דורכאויס די נאכט שעה'ן, א דאנק די שיכורים וואס רודערן אומעטום", האט דער שטאט-עלטסטער ווייטאגליך באקלאגט דעם שרעקליכן מצב אין שטעטל.

"און די אנשיקעניש ווערט בלויז ערגער פון טאג צו טאג", האט זיין קאלעגע אין די שטאט-ראט צוגעלייגט מיט א הייזעריגע שטימע, "די צאל שיכורים וואקסט טעגליך, בשעת די טירן פון די שענק-הייזער זענען ווייטער ברייט אפן. די יונגווארג שטראמען אהין אין די מאסן, דערנאך לאזן זיי זיך ארויס אין ווילדע הוליאנקעס, ווען אלעס ווערט צעטראטן און פארניכטעט".

די אנדערע ראט-מיטגלידער האבן צוגעשטימט מיט ווייטאג צו זיינע ווערטער. מיטאמאל האט דער עלטסטער געגעבן א קלאפ אויפן טיש: "דאס קען נישט אזוי ווייטער אנגיין, אפילו פאר קיין איין טאג נישט! מ'קען דאס מער נישט פארשווייגן. דאס איז אריבער יעדע גרעניץ".

אלעמענס אויגן האבן זיך געווענדן צום גלח צו זען זיין רעאקציע, נאך וואס אלע אנגעלעגנהייטן פון שטעטל זענען געווארן באפאסט דורך אים. ער איז געזעצן און אויסגעהערט זייערע טענות מיט גרויס ערנסטקייט.

"און וואס ערווארטעט איר איך זאל טון?" האט דער גלח געפרעגט.

"וואס איז די פראגע? מ'דארף זיי באשטראפן!" האבן די ראט-עלטסטע אויסגעשריגן איינשטימיג. דער עלטסטער צווישן זיי האט אנגעהויבן אויסצורעכענען א ליסטע פון שטראפן: "ווער ס'וועט ווערן געכאפט אריינגיין אין א קרעטשמע, זאל ווערן פארטריבן פון שטאט פאר א גאנצע מאנאט. אויב ער באגייט א צווייטע פארלעצונג, זאל ער אויך דארפן באצאלן א פעטע קנס. און אויב אפילו דאס וועט נישט העלפן, זאל מען אים צווינגען צו פארלאזן די שטעטל אויף אייביג".

דער אלטער גלח האט געגלעט זיינע האר, זיך נישט איילנדיג מיטצוגיין מיטן פלאן.

נאך אפאר מינוט האט דער גלח געענטפערט: "כ'קען נישט ארויפשטעלן סיי וועלכע שטראף אן וויסן ווי שטארק די שיכורים געניסן פון זייער זינד. ס'איז מעגליך אז זיי האבן אזוי שטארק הנאה פונעם ביטערן טראפן, אזש ס'איז זיי ווערד צו ווערן דערפאר פארטריבן פון שטאט פאר א חודש-צייט אדער אפילו מער. אויב אזוי, וואס האט מען דעמאלטס אויפגעטון?"

די עלטסטע האבן געשאקלט די קעפ, מיט פארשטאנד. "דעמאלטס וואס זאלן מיר טון?" האבן זיי געפרעגט, קוקנדיג אויפן גלח.

דער גלח האט נאכאמאל געגלעט זיין האר און אויסגעפירט: "איך מיין אז ס'איז נישטא קיין אנדערע עצה. כ'וועל אליינס מוזן פארזוכן דעם ביטערן טראפ. כ'וועל דארף זיין אנגעטרינקען פאר איין טאג, אזוי אז גלייך אויפצומארגנס זאל איך קענען וויסן וויאזוי אויסצושטעלן א שטראף וואס איז פאסיג פאר אזא הנאה".

יעדער האט צוגעשטימט. דעם גלח'ס באדינער איז גלייך געלאפן צום דערנעבנדן קרעטשמע און צוריקגעקומען מיט עטליכע גוטע פלעשער וואדקע. דערביי האט ער אנגעהויבן אנצוגיסן איין גלאז נאכן צווייטן פארן גלח, און ס'איז נישט דורך קיין האלבע שעה און זאכן האבן אנגעהויבן פולשטענדיג ארויסצוגיין פון קאנטראל.

דער ארויפגעקוקטער גלח האט זיך אנגעהויבן אויפצופירן ווי דער ערגסטער שיכור. די שטאט-עלטסטע זענען זיך שנעל צעלאפן מיט שרעק, בשעת ער האט זיך ווייטער געקייקלט אין ברעכעכץ אויף די ערד, פארגרוילנדיג דערביי זיינע געהערטע קליידער און פארלענדנדיג די טייערע חפצים פון הויז.

צומארגנס האט זיך די שטאט-ראט אומגעקערט צו דעם גלח'ס, כדי צו הערן אן ענדגילטיגע אורטייל איבער די שטראף וואס קומט פאר די שיכורים.

דער גלח האט זיי אויפגענומען נאך ליגנדיג אין בעט, אויסגעמוטשעט און אפגעשוואכט, שמוציג און צעפלאזשעט, מיט צעריסענע קליידער. די עלטסטע האבן פארגעלייגט זייער פראגע איבער די שטראף-אנגעלעגנהייט.

דער גלח האט זיי געענטפערט מיט גרויס וואונדער:

**"א שטראף?! איז דען טרינקען אליינס נישט גענוג קיין שטראף, אז מ'דארף נאך צולייגן א באזונדערע שטראף דערויף?!"**

אזוי האט דערציילט דער הייליגער ראפשיצער רב, הרה"ק רבי נפתלי זי"ע, אין די צייט פון די ימי הרחמים והסליחות, ווי מיט דעם משל האט ער מעורר געווען דעם עולם פאר די הייליגע טעג. אויסער די טיפע כוונות און סודות וואס ליגן אין זיינע הייליגע ווערטער, שרייט ארויס די פשוט'ע, דורכ'דרינגליכע דערהער, אז ס'איז נישטא קיין גרעסערע שטראף ווי די עבירה אליינס, וואס לייגט צעגרונד א אידנ'ס נשמה און באראבעוועט אים דעם אמת'ן לעבן און נאנטקייט צום אויבערשטן, רחמנא לצלן.

אזוי ווי מיר גיסן אויס אונזער הארץ ביים בעטן סליחה ומחילה: סרנו ממצותיך וממשפטיך הטובים ולא שוה לנו.

**השיבנו ה' אליך ונשובה!**

מקור: דברי חנה, קאלאשיץ

# סליחות (ב)

## פארוואס דארף מען איסרעכענען אלעס וואס מ'האט געטון: דער איבערשטער ווייסט דען נישט...?!

### שאלה:

ווען מ'לערנט די הלכות פון תשובה, ווערט געברענגט פיר חלקים: עזיבה, קבלה על העתיד, חרטה על העבר און וידוי. לכאורה, ווי נאר א מענטש האט דאס אלעס געטון איז זיין עבירה געווארן פארגעבן! אויב אזוי, פארוואס פעלט אויס צו אזויפיל מאל בעטן אויף סליחה ומחילה?

און אפילו אויב תשובה אליינס איז נישט גענוג, נאר מ'דארף אויף בקשת מחילה - אבער פארוואס טוט מען עס אזויפיל מאל? דריי מאל א טאג, אפאר מאל ביי יעדע דאווענען, מ'שטייט אויף צופרי דורכאויס די ימי הסליחות און מ'בעט זיך אויף סליחה ומחילה... די עבירות זענען דאך לכאורה שוין געווארן אויסגעמעקט איינמאל מ'האט געהעריג תשובה געטון?!

### המשך תשובה:

## צוויי חלקים אין א חטא

אין די פריערדיגע מאמר איז געווארן מבואר אז 'בקשת מחילה' איז געאייגנט צוריקצוברענגען די זעלבע קשר, וואס ס'איז געווען פארן חטא (און אפילו מער ווי פריער), ווי גלייך ס'איז דא בכלל נישט געווען קיין חטא, אזוי אז ס'זאל נישט בלייבן סיי וועלכע ריחוק פון "דא איז אמאל געווען אן עבירה". דעריבער, כאטש מ'האט שוין תשובה געטון און חרטה געהאט אויף די מעשים, אפילו ווען די חטא איז שוין געווארן אינגאנצן אויסגעמעקט און פארגעבן, קומט מען פארט נאכנישט אן צו דעם מצב ווי "ס'איז לכתחילה נישט געווען קיין חטא". צוליב דעם האט 'בקשת מחילה' נישט קיין גבול, ווייל ס'איז נישטא קיין שיעור און סוף ווי שטארק מ'קען פארשטארקן די קשר מיטן אויבערשטן - אין סוף ברוך הוא.

דער יסוד איז געווארן אויסגעשמועסט אביסל טיפער, אז א חטא איז גורם צוויי פגמים: ערשטנס - ס'שאפט א קליפה און הסתרה, און צווייטנס - ס'האט 'נישט' באשאפן א המשכת אור ה'. דעריבער, כאטש די תשובה האט שוין אויסגעריסן די קליפה און התנגדות צום אויבערשטן, פעלט נאך פארט די המשכת הגילוי. אויף דעם פאדערט זיך אנצוקומען צו א מצב פון "זדונות נעשו לו כזכיות", ווי די חטא זעלבסט ווערט איבערגעדרייט צו גילוי און המשכת אור ה'. און אזא זאך - קען מען נאר טון דורך בקשת סליחה ומחילה.

## תשובה – ארויפקריכן ביז די העכסטע אור

**ווייל מ'דארף פארשטיין; וואס מיינט 'סליחה'. פארוואס זאל דיר דער אויבערשטער אינגאנצן פארגעבן די עבירה, ווי גלייך ס'איז קיינמאל נישט געווען?** די ענטפער איז, אז די מחילה איז נישט נאר אז דער אויבערשטער 'פארגעבט די פגם', נאר סליחה איז די המשכה פון א באהאלטענע דערהויבענע גילוי, וואס איז מגלה אז אין אמת'ן "איז דא קיינמאל נישט געווען קיין פגם"! אזוי ארום ווערט שוין די סליחה פון זיך אליין, ווייל ס'שטעלט זיך ארויס אז ס'איז לכתחילה נישט געווען קיין פגם.

מ'דארף פארשטיין אז תורה ומצוות זענען טאקע גילויים פון אור ה', גילויים פון דביקות בה', וואס ווען מ'איז זיי מקיים ווי ס'דארף צו זיין ווערט נתגלה דער קשר צווישן כלל ישראל מיט זייער טאטע אין הימל. אבער נאך העכער פון דעם איז דא א טיפע קשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן, העכער אלע גילויים. אזוי הויך, אז אלע פגמים אינעם גילוי אור ה' מאכט דארט בכלל נישט אויס. ווייל ס'איז העכער ווי א מקום פון 'גילוי'. ס'איז א חיבור צו 'עצם' - אן עצמיות'דיגע, אייגנטליכע קשר וואס מאכט נישט אויס אויב ס'ווערט נתגלה צי נישט. אזויווי די באקאנטע יסוד פון אלע ספרים הק', אז ס'איז דא א טיפע פלאץ אין די נשמה וואו קיין פגם קומט נישט אן, און דארט זענען מיר אינגאנצן באהאפטן מיטן אויבערשטן אין יעדע מצב. אויך ווען בגילוי זעט עס אויס אינגאנצן פארקערט.

**כדי דאס צו בעסער פארשטיין, לאמיר זיך פארשטעלן א גשמיות'דיגער טאטע און קינד.** ס'איז דא א סארט 'נחת' וואס א מענטש באקומט ווען זיין זון ברענגט אהיים גינסטיגע צייכענונגען און מאכט גוטע פארשריט אין לעבן. אבער ס'איז דא אסאך מער א טיפערע 'נחת' - פון די עצם 'מציאות' און שייכות פון זיין זון, אזוי אז אפילו אויב דאס קינד וועט חלילה זיין א אויטיסטיש קינד און נישט ארויסווייזן קיין שום גילוי, וועט דער טאטע שעפן א געוואלדיגע תענוג און קשר מיט אים, אן סיי וועלכע פארבינדונג אויב דאס קינד ברענגט אהיים א גוטע שבת-צעטל צי נישט.

דעריבער, ווען מ'איז זיך מתחבר צו יענע אור עליון וואס ווערט נמשך דורך סליחה ומחילה, ווערט אויסגעקלארט אז מ'איז א גאנצע צייט געווען מחובר צום אויבערשטן, מ'האט זיך קיינמאל נישט אפגעריסן און ס'האט קיינמאל נישט געפעלט קיין חיבור. ווייל אלע פגמים אין 'גילוי' הייבן נישט צו פוגם זיין די 'עצם'. און דערפאר, נישט נאר האט די חטא נישט אנגעמאכט א הסתרה און קליפה, נאר ס'האט אפילו נישט פארמינערט סיי וועלכע חיבור און המשכת התגלות אלקית, ווייל אין יענע הויכע מקום - טוט קיין שום חטא גארנישט פארמינערן.

**טאקע דאס איז די באדייט פון 'מחילה':** ממשיך זיין יענע באהאלטענע גילוי, יענע אינערליכע, טיפע קשר און צוברענגען ס'זאל זיין בגילוי און נישט ווייטער באהאלטן. ווייל וואס דעם מענטש'ס התנהגות האט צוגעברענגט די פארקערטע פון קשר, וויבאלד אן עבירה איז א 'מציאות' פון התנגדות און פון אפגעריסנקייט פון אויבערשטן, דעריבער מוז זיין אז אנשטאט די געווענליכע, אפענע קשר - זאל נתגלה ווערן די אינערליכע קשר, וואס איז געווענליך באהאלטן. און ווען תשובה באווייזט עס צו מגלה זיין, איז עס נישט די סארט קשר וואס עלטערן קענען האבן מיט א נישט געזונט קינד רח"ל, נאר ס'איז אן אפענע קשר וואס איז מתקן אלע חסרונות און פגמים, אזוי אז נאכן תשובה טון הייסט מען שוין א געראטן קינד, פארמאגנדיג אן אפענע קשר.

וויאזוי ווערט עס נתגלה ביז צו אזא מושלמ'דיגע מצב? דורכדעם וואס ס'קלארט זיך אויס אז די עבירה האט אייגנטליך צוגעברענגט אז דער מענטש זאל זוכה זיין אנצוקומען צו יענע העכערע קשר, אויב אזוי, קומט אויס אז די עבירה איז געווארן איבערגעדרייט פון א מציאות וואס האט אים אפגעטיילט פון אויבערשטן, צו א מציאות וואס האט צוגעברענגט מער א טיפערע קשר. טאקע דערפאר איז "זדונות נעשו לו כזכיות". און ווי ערקלערט אינעם פריערדיגן מאמר; דאס קינד צייגט איבער זיין טאטע, אז סך הכל האט ער אים אוועקגערוימט זיינע זיבעצן מיליאן דילאר, צוליב א רויבער וואס האט עס געוואלט ארויסגע'גנב'עווען. אזוי ארום האט ער עס אפגעהיטן, און אפילו גאר פארטאפלט.

אזוי איז מדייק דער הייליגער בעל התניא זי"ע אין די נוסח התפילה: "סלח לנו אבינו כי חטא" - וואס לכאורה, ווייל מיר האבן געזינדיגט דארף אונז דער אויבערשטער פארגעבן?! נאר תשובה קומט דווקא וויבאלד מ'האט געזינדיגט און רח"ל פוגם געווען אין די גילויים, וואס דערפאר דארפן מיר צוקומען צו נאך א העכערע, טיפערערע אור פון 'סליחה', פון 'קשר עצמי', וואס דעמאלטס ווערט אויסגעקלארט אז בעומק - האט מען קיינמאל נישט געזינדיגט. דערביי ווערט נתגלה די טיפע קשר עצמי מיטן אויבערשטן.

אט די עמקות איז די פינטל פון מצות תשובה: מגלה זיין אז אייגנטליך זענען מיר די גאנצע צייט געווען מחובר צום אויבערשטן, מיר האבן זיך נישט אפגעריסן. וויאזוי איז מען דאס ממשיך? דורכ'ן נאכאמאל און נאכאמאל בעטן מחילה, "ממעמקים קראתיך ה'", און דעמאלטס איז דער אויבערשטער מגלה די מער טיפערע קשר, פון וואס מיר האבן זיך קיינמאל נישט אפגעריסן.

און ווי שוין ערקלערט, אז דעריבער איז נישטא קיין גרעניץ וויפיל מאל מ'דארף בעטן מחילה, וויבאלד יעדע בקשת מחילה ברענגט צו דעם מענטש צו וואס א טיפערע שיכט פון יענע טיפע, באהאלטענע קשר פנימי. אזוי ארום ווערט זיין דביקות וואס שטערקער.

(פונדעסטוועגן, כדי מ'זאל קענען עכט באלעבן יענע טיפע קשר, מוז עס גיין צוזאמען מיט תשובה, עזיבת החטא און קבלת על העתיד. ווייל אויב נישט, דאן כאטש יענע קשר איז אוודאי אמת און וואר, אבער ווילאנג מ'האט נישט מתקן געווען די מעשים איז אוממעגליך צו ווירקליך 'לעבן' דערמיט. פארט, בפועל, געפונט זיך די גילוי אין א מצב פון ניתוק רח"ל. דעריבער דארף סליחה פון איין זייט ממשיך זיין יענע באהאלטענע קשר עליון, און פון די צווייטע זייט, דורך עזיבה און קבלה קען מען **באלעבן** יענע הויכע קשר אויף א פאקטישע, למעשה'דיגע אופן).

## ארייננבריינגען אור אין יעדע איינציגע עבירה

**דא פרעגט זיך די שאלה:** ווען מ'לערנט דורך די יסודות פון מצות תשובה, טרעפט מען נישט אז 'בקשת מחילה וסליחה' זאל ווערן פאררעכנט אלס א יסוד דערפון. און דא שמועסט מען, אז ס'איז גאר די 'פינטל' פון תשובה?! **די פשוט'ע ענטפער איז: דאס איז די מצוה פון 'וידוי'!**

וואס איז פשט פון 'וידויים'? ווייל דאס איז זיכער אז ס'מיינט נישט דערציילן נייעס... דער אויבערשטער ווייסט בעסער ווי דיר אין וואס ביסט דורכגעפאלן און אז האסט תשובה געטון. אנטדעקסט אים גארנישט. אויב אזוי, **וואס וויל מען אויפטון דערמיט?**

אויף דעם האט דער בעל שם טוב הק' געזאגט א געוואלדיגע יסוד: געווענליך, ווען מענטשן צוקריגן זיך און דערנאך מאכן זיי שלום, דאן ווילאנג זיי וועלן ווי מ'זאגט "ארייננשארן זייער קריגערייי אונטערן טעפיך" און זיך מאכן ווי גלייך ס'איז קיינמאל נישט געשען - וועט דאס צוברענגען אז די שלום, שוין אפגערעדט די קשר, זאל נישט זיין פולשטענדיג אמת און גאנץ. ווייל נאך אלע מעשיות, ס'ציפט דא א געוויסע באהאלטענע ווייטאג, יענער האט מיר פארשעמט... גערעכט, ער פארשעמט מיר שוין נישט, ער איז מיר מעגליך אפילו א נאנטער חבר, אבער וויאזוי קען איך זיך נישט צוטון מאכן פון וואס ס'איז געווען?

וואס איז די לעזונג? די צוויי פריינט זאלן ארויפלייגן די טעמע אויפן טיש, זיך בעטן מחילה איינער פון צווייטן, געזונט פארהיילן די וואונדן, זיך מפייס זיין - און דעמאלטס וועט די קשר זיין שטארק און אמת'דיג.

זאגט דער בעש"ט: די זעלבע איז ביים אויבערשטן! מ'דארף זיך מתוודה זיין בפה, אויסשמועסן די עבירה און זאגן אז מ'האט עס נישט געוואלט, בעטן מחילה דערויף, און ערשט דעמאלטס ווערט די עבירה אינגאנצן אויסגעמעקט. אויף דעם שטייט "נושא עוון ועובר על פשע" - דווקא דורכ'ן ארויפברענגען די עבירה, קען מען עס אויסמעקן. וויאזוי? ווען מ'איז מגלה אז אויך די עבירה פון וואס מ'רעדט איז חלילה נישט געקומען פון קיין ווילן זיך אפצורייסן פון אויבערשטן, וויבאלד מ'שפירט אזוי טיף און גרינטליך ביי זיך אז ס'איז נישט שייך במציאות אזא זאך ווי פירוד און אפגעריסנקייט, און אז די גאנצע מציאות פון עבירות קומט נאר מכח דעם וואס דער יצר הרע פארבלענדט אונז די אויגן, אזוי ארום הייבט מען אן צו שטארק ארויסקוקן אז אויך דער אויבערשטער זאל פון זיין זייט מגלה זיין אט די טיפע קשר.

הייסט אזוי: וידוי איז נישט סתם צו דערציילן פארן אויבערשטן וואס מ'האט געטון, נאר א חלק פון בקשת סליחה. די מטרה דערפון איז צו ממשיך זיין אור הסליחה אויך אויף די עבירה אליינס. אויסקלארן די חשבון אויף יענע איינציגסטע עבירה, עס מתקן זיין און מעלה זיין ביז ס'ווערט "זדונות נעשו לו כזכיות".

אזוי זעט מען אויך פונעם הייליגן רבינו יונה, וועלכער לערנט ארויס די ענין פון וידוי פונעם פסוק "קחו עמכם דברים ושובו אל ה', אמרו אליו כל תשא עון" - אז וידוי איז אן ענין פון בקשת מחילה אויף די עבירה, ווי מ'בעט דעם אויבערשטן ער זאל מכפר זיין אויף די עוונות. אזוי אויך זעט מען פון די וידוי וואס ווערט ארויסגעלערנט פון עבודת הקרבנות, "ונשלמה פרים שפתינו", ווי מיר ווייסן אז די גאנצע ענין פון א קרבן איז געווען צו מכפר זיין אויף די עבירה, אויף א פארנעם ווי גלייך ס'איז קיינמאל נישט געשען.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו מחילה, סליחה וכפרה, און צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן מיט דעם קשר עצמי וואס קען און וועט קיינמאל נישט אפגעריסן ווערן.

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון רופט
אין מאנסי: 347.452.3118 וויליאמסבורג: 347.774.0850 קרית יואל: 917.538.7491 לעקוואיד: 845.274.4847
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483